# גליון היכל הקודש

ווערכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת וישלח, ט"ז כסלו, שנת תשפ"ב לפ"ק
שנה 11, גליון 12 (527)

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................4:16
מוצאי שב"ק.....................5:47

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.............שמואל-א כ"ד-כ"ה
בבלי.........................תענית ח'
ירושלמי.....................גיטין מ'
תוספתא..................נדרים ו'
רמב"ם.........תמידין ומוספין ו'

## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וַיֹּאמֶר אִם יָבוֹא עֵשָׂו אֶל הַמַּחֲנֶה הָאַחַת וְהִכָּהוּ וְהָיָה הַמַּחֲנֶה הַנִּשְׁאָר לִפְלֵיטָה, יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט צֶעטֵיילְט זַיין מִשְׁפָּחָה אוֹיף צְוֵויי מַחֲנוֹת, זָאגְנְדִיג אַז אוֹיב עֵשָׂו וֶועט מַצְלִיחַ זַיין זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אוֹיף אֵיין מַחֲנֶה, זָאל כָאטְשׁ דִי אַנְדֶערֶע מַחֲנֶה וֶוערְן גֶערַאטֶעוֶועט.

דִי אַלֶע זַאכְן וָואס יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט גֶעטוּן, וָואס עֶר הָאט זִיךְ צוּגֶעגְרֵייט וִוי אַזוֹי גֶערַאטֶעוֶועט צוּ וֶוערְן פוּן עֵשָׂו הָרָשָׁע, דָאס זֶענֶען זַאכְן וָואס עֶר הָאט צוּגֶעגְרֵייט פַאר אַלֶע דוֹרוֹת, פַאר אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אַז זֵיי זָאלְן הָאבְּן אַ וֶועג וִוי אַזוֹי בַּייצוּקוּמֶען דֶעם יֵצֶר הָרַע וָואס וִויל נָאר צֶעבְּרֶעכְן אוּן זִיךְ שְׁטַארְקְן אוֹיף יֶעדְן אִידִישׁ קִינְד.

יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט צְוֵויי הֵיילִיגֶע מַחֲנוֹת וָואס בַּאשִׁיצְן אִים פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, דָאס אִיז תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה. דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה וָואס אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען הִיט אִים אָפּ פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוֹטָה כ"א.) "תּוֹרָה מַגְנָא מַצְלָא", דִי תּוֹרָה בַּאשִׁיצְט אוּן רַאטֶעוֶועט דֶעם מֶענְטְשׁ. אוּן אַזוֹי זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן י"ט): "אֲפִילוּ דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען זֵייעֶר וַוייט פוּן קְדוּשָׁה, זֵיי זֶענֶען אַרַיינְגֶעכַאפְּט אִין עֲבֵירוֹת, בִּיז זֵיי זֶענֶען שׁוֹין מַמָּשׁ צוּגֶעוואוֹינְט צוּ טוּן עֲבֵירוֹת אוּן שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן רַחֲמָנָא לִיצְלָן, פוּן דֶעסְט וֶועגְן אִיז דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אַזוֹי גְרוֹיס, אַז עֶס קֶען זֵיי אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דִי עֲבֵירוֹת אִין וָואס זֵיי זֶענֶען אַרַיינְגֶעפַאלְן. אוֹיב וֶועלְן זֵיי זִיךְ מַאכְן אַ שְׁטַארְקֶע חִיּוּב צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַזוֹיפִיל אוּן אַזוֹיפִיל, זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין, וֶועלְן זֵיי זִיכֶער אַרוֹיסְגֵיין פוּן זֵייעֶרֶע שְׁלֶעכְטֶע גֶעוואוֹינְהֵייטְן, וַוייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז גָאר גְרוֹיס".

פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אִיז דָא נָאךְ אַ הֵיילִיגֶע מַחֲנֶה וָואס רַאטֶעוֶועט דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, דָאס אִיז תְּפִלָּה. וֶוען אַ אִיד אִיז זוֹכֶה צוּ דַאוֶונֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בּוֹיעֶט עֶר מִיט דֶעם אוֹיף בַּאשִׁיצוּנְג וֶוענְט אַרוּם זַיין מֹחַ, אַז דִי פֵיינְטְלִיכֶע גְרוּפֶּעס זָאלְן דָארְט נִישְׁט קֶענֶען אַרַיינְדְרִינְגֶען. וִוי לַאנְג אַ אִיד אִיז שְׁטַארְק מִיט תְּפִלָּה, מִיט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז עֶר פַארְזִיכֶערְט אַז קֵיינֶער וֶועט אִים נִישְׁט קֶענֶען בַּייקוּמֶען.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן קי"א), "דוּרְךְ תְּפִלָּה קֶען אַ אִיד צוּקוּמֶען צוּ אַלֶעס, צוּ אַלֶעס גוּטְס, צוּ תּוֹרָה אוּן עֲבוֹדָה אוּן אַלֶע הֵיילִיגֶע זַאכְן, צוּ אַלֶע עֲבוֹדוֹת אוּן צוּ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן פוּן אַלֶע וֶועלְטְן". אוֹיף סַיי וֶועלְכֶע וֶועג דֶער יֵצֶר הָרַע זָאל זִיךְ נָאר וֶועלְן שְׁטַארְקְן אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ, אִיז דֶער עִיקָּר עֵצָה נָאר תְּפִלָּה, זִיךְ אוֹיסְצוּרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, אִים דֶערְצֵיילְן בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים, סַיי בְּרוּחָנִיּוּת אוּן סַיי בְּגַשְׁמִיּוּת. וֶוען אַ אִיד אִיז שְׁטַארְק מִיט תְּפִלָּה, וֶועט עֶר צוּם סוֹף זוֹכֶה זַיין אִינְגַאנְצְן בַּייצוּקוּמֶען דֶעם יֵצֶר הָרַע.

נִישְׁט אַלֶעמָאל קֶען אָבֶּער אַ מֶענְטְשׁ טוּן בֵּיידֶע זַאכְן אִינְאֵיינֶעם, נִישְׁט אַלְץ קֶען עֶר זִיךְ בַּאהַאלְטְן אִין בֵּיידֶע מַחֲנוֹת. אַמָאל כַאפְּט דֶעם מֶענְטְשׁ אַן הִתְעוֹרְרוּת אוּן עֶר קֶען זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אָבֶּער צוּמָאל מַאכְט זִיךְ אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט אִין דִי גִיסְטֶע פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קֶען עֶר דֶעמָאלְט לוֹיפְן צוּ דִי תּוֹרָה, צוּ זָאגְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת אוּן דַפִּים גְמָרָא, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. דֶער עִיקָּר אִיז אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל וִויסְן אַז עֶר הָאט גוּטֶע פְלֶעצֶער וואוּ זִיךְ צוּ בַּאהַאלְטְן, אוֹיב שְׁפִּירְט עֶר יֶעצְט אַ גֶעשְׁמַאק צוּ לֶערְנֶען, זָאל עֶר זִיךְ זֶעצְן לֶערְנֶען, אוּן אוֹיב הָאט עֶר נִישְׁט קַיין גֶעדוּלְד יֶעצְט צוּ לֶערְנֶען, זָאל עֶר רֶעדְן אַפָּאר וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס זָאגְט אוּנְז דֶער פָּסוּק, "אִם יָבוֹא עֵשָׂו אֶל הַמַּחֲנֶה הָאַחַת וְהִכָּהוּ", אוֹיב דֶער יֵצֶר הָרַע אִיז דִיר בֵּייגֶעקוּמֶען בַּיי אֵיין מַחֲנֶה, עֶר הָאט אַוֶועקְגֶענוּמֶען פוּן דִיר גֶעשְׁמַאק פוּן לֶערְנֶען אָדֶער דַאוֶונֶען, "וְהָיָה הַמַּחֲנֶה הַנִּשְׁאָר לִפְלֵיטָה", זָאל דֶער מֶענְטְשׁ גְלַייךְ לוֹיפְן צוּ אַ צְוֵוייטֶע מַחֲנֶה, וַוייל אַלֶעמָאל אִיז דָא עֶפֶּעס אַ גוּטֶע זַאךְ וָואס אַ מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ מְחַיֶּ' זַיין דֶערְמִיט, אוּן דָאס וֶועט אִים אָפְּהִיטְן פוּן אַלֶעס שְׁלֶעכְטְס.

לָאמִיר נֶעמֶען דִי עֵצוֹת וָואס יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט, זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה, זִיךְ שְׁטַארְקְן צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ מִיט יֶעדֶע קְלֵיינֶע גוּטֶע זַאךְ וָואס מְ'הָאט, אוּן אַזוֹי וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ זִיס לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ לְפָרָשַׁת וַיִּשְׁלַח)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### שְׁטַארְקֶע כּוֹחוֹת

עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אַמָאל אַ אִיד צוּם הֵיילִיגְן חֲזוֹן אִישׁ זַצַ"ל, דֶער אִיד הָאט גֶעוֵויינְט מִיט בְּכִיוֹת עֲצוּמוֹת אַז עֶר קוּמְט יֶעצְט פוּנֶעם דָאקְטֶער, אוּן דֶער דָאקְטֶער זָאגְט אַז מֶען הָאט גֶעפִינֶען בַּיי אִים אַ גֶעפֶערְלִיכֶע קְרֶענְק אוּן עֶר הָאט נִישְׁט מֶער וִוי פִיר טֶעג צוּ לֶעבְּן. דֶער אִיד הָאט זֵייעֶר גֶעוֵויינְט אַז עֶר צִיטֶערְט פַארְן טוֹיט, אוּן עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן.

דֶער חֲזוֹן אִישׁ זַצַ"ל הָאט גֶעעֶפְנְט אַ חוּמָשׁ בְּרֵאשִׁית אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן לֵיינֶען דִי פְּסוּקִים פוּן מַעֲשֶׂה בְּרֵאשִׁית וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי עֶרְשְׁטֶע טָאג "וַיְהִי עֶרֶב וַיְהִי בֹקֶר יוֹם אֶחָד".. אוּן אַזוֹי וַוייטֶער וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי צְוֵוייטֶע טָאג אוּן דִי דְרִיטֶע טָאג אוּן דִי פֶערְטֶע טָאג "וַיַּעַשׂ אֱלֹהִים אֶת שְׁנֵי הַמְּאֹרֹת הַגְּדֹלִים".. "וַיְהִי עֶרֶב וַיְהִי בֹקֶר יוֹם רְבִיעִי".. אוּן דֶער חֲזוֹן אִישׁ הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט אוּן גֶעזָאגְט פַאר דֶעם אִיד: "קוּק וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַלְץ בַּאשַׁאפְן אִין פִיר טֶעג. דִי הִימְל אוּן עֶרְד, הִימְלֶען, יַמִּים אוּן יַבָּשָׁה, גְרָאז מִיט בֵּיימֶער, דִי זוּן אוּן דִי לְבָנָה מִיט דִי שְׁטֶערְנְס. אוּן דוּ דֶערְשְׁרֶעקְסְט זִיךְ נָאךְ פוּן דֶעם וָואס דֶער דָאקְטֶער גֶעבְּט דִיר נָאר פִיר טֶעג צוּ לֶעבְּן?! דוּ וֵוייסְט וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען נָאךְ טוֹישְׁן אִין דִי פִיר טֶעג?"

"אִיךְ וָואלְט דִיר גֶערָאטְן" - הָאט אִים דֶער חֲזוֹן אִישׁ גֶעזָאגְט - "אַז דוּ זָאלְסְט זִיךְ גוּט אוֹיסְוֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאלְסְט אִים בֶּעטְן אַ גַאנְצֶע רְפוּאָה, אוּן דוּ וֶועסְט נָאךְ זֶען וִוי דוּ וֶועסְט הָאבְּן אֲרִיכַת יָמִים וּשְׁנֵים גֶעזוּנְטֶערְהֵייט".

דֶער אִיד הָאט אַזוֹי גֶעטוּן, עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן עֶפֶּעס אַ לֵיידִיגֶע שׁוּל, עֶר הָאט זִיךְ דָארְט גוּט אוֹיסְגֶעוֵויינְט

<<<<<<

## א גוט ווארט

דֶער עִיקָּר זָאלְסְטוּ אִים אוֹיפְבּוֹיעֶן, חַס וְשָׁלוֹם פַארְשֶׁעמֶען אָדֶער וֵויי טוּן. מֶען כַאפְּט זִיךְ נִישְׁט, מֶען מֵיינְט אַז קִינְדֶער זֶענֶען אַנְדֶערְשׁ פוּן דֶערְוַואקְסֶענֶע, מֶען מֵיינְט אַז מֶען קֶען טְשֶׁעפֶּען, שְׁטֶעכְן אוּן פַארְשֶׁעמֶען; מֶען וֵוייסְט נִישְׁט אַז קִינְדֶער הָאבְּן דִי זֶעלְבֶּע גֶעפִילְן וִוי דֶערְוַואקְסֶענֶע אוּן אוֹיב מֶען טוּט זֵיי וֵויי, מֶען טְשֶׁעפֶּעט זֵיי, מֶען מַאכְט זֵיי אַוֶועק - הַרְגִ'עט עֶס זֵיי, עֶס לָאזְט זֵיי נִישְׁט אוֹיפְוַואקְסְן, זֵיי בְּלַייבְּן דֶערְשְׁלָאגְן אַ גַאנְץ לֶעבְּן.

אַלֶע נֶערְוֶוען צַאמְבְּרָאכְן ה' יְרַחֵם קוּמֶען פוּן דֶעם וָואס מֶען הָאט וֵויי גֶעטוּן קִינְדֶער, זֵיי דֶערְנִידֶערְט אוּן פַארְשֶׁעמְט.

הֵייבּ אוֹיף דַיינֶע קִינְדֶער, בִּפְרַט דֶעם קִינְד וָואס מוּטְשֶׁעט זִיךְ מִיטְ'ן לֵיינֶען, גֶעבּ אִים אָן אַ שִׁיעוּר גוּטֶע וֶוערְטֶער, וֶועט עֶר אוֹיפְוַואקְסְן גֶעזוּנְט.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיֵּצֵא תשפ"ב)

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# אַרָאפְּשְׁלִינְגֶען און גֵיין וַוייטֶער

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ד' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, הַאלְט זִיךְ שְׁטַארְק, לָאז זִיךְ נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט. אַ שִׁידוּךְ הָאט נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם, נָאר מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַז דוּ ווִילְסְט שׁוֹין דַיין שִׁידוּךְ – הָאסְטוּ אֵיין בְּרֵירָה, גֵיין נָאכְאַמָאל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן און אִים בֶּעטְן בְּרַחֲמִים וּבְתַחֲנוּנִים.

נָאךְ אַ ווִיכְטִיגֶע זַאךְ ווִיל אִיךְ דִיר בֶּעטְן, וֶוער נִישְׁט אוֹיסֶער זִיךְ וֶוען אֵיינֶער הָאט דִיר גֶעזָאגְט אַ וָוארְט, אָדֶער אַז אֵיינֶער קוּקְט אוֹיף דִיר, מֶען קֶען נִישְׁט אַזוֹי לֶעבְּן; אַז מֶען הָאט דִיר גֶעזָאגְט אַ וָוארְט אָדֶער גֶעקוּקְט אוֹיף דִיר – זָאלְסְטוּ דָאס אַרָאפְּשְׁלִינְגֶען און גֵיין וַוייטֶער, בִּפְרַט וֶוען דַיינֶע עֶלְטֶערְן זָאגְן דִיר אַ וָוארְט וָואס שְׁמֶעקְט דִיר נִישְׁט – זָאלְסְטוּ נִישְׁט וֶוערְן אוֹיס מֶענְטְשׁ; עֶס אִיז נִישְׁט עֶק וֶועלְט וֶוען אַ טַאטֶע זָאגְט עֶפֶּעס וָואס שְׁמֶעקְט נִישְׁט.

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט בְּשֵׁם צַדִּיקִים אוֹיפְ'ן פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית כה, יד): "וּמִשְׁמָע וְדוּמָה וּמַשָּׂא", 'וּמִשְׁמָע', מֶען דַארְף קֶענֶען הֶערְן, 'וְדוּמָה', און שְׁוַוייגְן, 'וּמַשָּׂא', און דֶערְהֵייבְּן.

**פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיֵּצֵא תשפ"ב)

>>>>>>

צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און עֶר הָאט טַאקֶע גֶע'פּוֹעֶלְ'ט אַ יְשׁוּעָה, עֶר אִיז גֶעזוּנְט גֶעוָוארְן און עֶר הָאט נָאךְ גֶעלֶעבְּט נָאכְדֶעם צֶען יָאר גֶעזוּנְט און פְּרִישׁ.

דֶער יֵצֶר הָרַע הָאט לִיבּ צוּ צוּבְרֶעכְן דֶעם מוּט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ שְׁפִּירְן קְלֵיין, עֶר זָאל טְרַאכְטְן אַז עֶר אִיז דָאךְ נִישְׁט מֶער ווִי אַ פָּשׁוּטֶער אִיד, ווִי אַזוֹי וֶועסְטוּ קֶענֶען פּוֹעֶלְ'ן גְרוֹיסֶע זַאכְן מִיט דַיין פָּשׁוּטֶע תְּפִלָּה?

דֶער אֱמֶת אִיז אָבֶּער אַז מִיר הָאבְּן אִין זִיךְ גֶעוַואלְדִיגֶע מוֹרָא'דִיגֶע כּוֹחוֹת. יֶעדֶער אִיד הָאט אַ גְרוֹיסְן כֹּחַ אִין זַיין מוֹיל, און עֶר קֶען בְּלוֹיז מִיט זַיין מוֹיל אוֹיפְטוּן גָאר גְרוֹיסֶע זַאכְן. תְּפִלָּה אִיז ווִי אַ שַׁארְפֶע שְׁווֶערְד וָואס הַאקְט רֶעכְטְס און לִינְקְס. וֶוען מִיר זָאלְן זִיךְ שְׁטַארְקְן און ווִיסְן אוּנְזֶערֶע כּוֹחוֹת און בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ וָואס מִיר דַארְפְן, וָואלְטְן מִיר גֶעקֶענְט אוֹיסְ'פּוֹעֶלְ'ן גָאר גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.

און סְפֶּעצִיֶעל וֶוען מִיר לַאנֶען זִיךְ אָן אוֹיף דִי כֹּחַ פוּן דִי גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים, מִיר גֵייעֶן אִין זֵייעֶרֶע וֶועגְן און מִיר זֶענֶען וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי ווִי זֵיי הָאבְּן גֶערֶעדְט, דַאן קֶענֶען מִיר נָאךְ אַסַאךְ מֶער, שְׁנֶעלֶער און גְרִינְגֶער פּוֹעֶלְ'ן אַלֶעס.

בַּיים הֵיילִיגְן צַדִּיק רֶבִּי אוּרִי סְטְרֶעלִיסְקֶער זי"ע הָאט אַמָאל פַּאסִירְט אַ מַעֲשֶׂה, מֶען הָאט אִים גֶערוּפְן "דֶער 'שָׂרָף' פוּן סְטְרֶעלִיסְק", וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶוען אֵיין שְׁטִיק פְלַאם פֵייעֶר פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, און זַיין דַאוֶוענֶען אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען מִיט אַ גְרוֹיסֶע בְּרֶען און פֵייעֶר. אֵיינְמָאל הָאט עֶר גֶעהַאלְטְן אִינְמִיטְן דַאוֶוענֶען מִיט גְרוֹיס בְּרֶען, און דֶערְוַוייל אִיז דָארְט דוּרְכְגֶעפָארְן אַ גוֹי'אִישֶׁער פָּרִיץ און גֶעהֶערְט זַיין דַאוֶוענֶען, דֶער פָּרִיץ אִיז זֵייעֶר נִתְפָּעֵל גֶעוָוארְן פוּנֶעם דַאוֶוענֶען און עֶר הָאט אוֹיסְגֶעוַוארְט בִּיז דֶער צַדִּיק הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דַאוֶוענֶען.

נָאכְ'ן דַאוֶוענֶען אִיז דֶער פָּרִיץ צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם צַדִּיק און גֶעזָאגְט: "אִיךְ קְלֶער אַז אוֹיבּ זֶענְט אִיר נָאכְנִישְׁט אוֹיסְגֶעלֵייזְט גֶעוָוארְן פוּן גָלוּת נָאךְ אַזַא דַאוֶוענֶען, וֶועט אִיר שׁוֹין קֵיינְמָאל נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין פוּן גָלוּת". עֶר הָאט גֶעמֵיינְט צוּ זָאגְן אַז אוֹיבּ דֶער צַדִּיק הָאט אַזוֹי גֶעדַאוֶוענְט מִיט אַזַא בְּרֶען און פֵייעֶר און עֶר קֶען נִישְׁט בְּרֶענְגֶען מִיט דֶעם מָשִׁיחַ'ן, וֶוער דֶען וֶועט קֶענֶען פּוֹעֶלְ'ן דִי יְשׁוּעָה?

הָאט אִים דֶער צַדִּיק מַסְבִּיר גֶעוֶוען מִיט אַ מָשָׁל צוּ אַ קֶענִיג וָואס הָאט גֶעהַאט אִין זַיין גָארְטְן גָאר אַ גְרוֹיסְן און דִיקְן בּוֹים, מַמָּשׁ אֵיינְס אִין דִי וֶועלְט. דֶער קֶענִיג הָאט גֶעוָואלְט אַרָאפְּשְׁנַיידְן דֶעם בּוֹים און בּוֹיעֶן אוֹיף דֶעם פְּלַאץ שֵׁיינֶע פַּאלַאצְן און גָארְטֶענֶעס, עֶר הָאט גֶעוואוּסְט אַז דָאס וֶועט נִישְׁט זַיין קַיין גְרִינְגֶע אַרְבֶּעט אַרָאפְּצוּנֶעמֶען דֶעם בּוֹים, און דֶערִיבֶּער הָאט עֶר אוֹיסְגֶערוּפְן אַז וֶוער עֶס וֶועט קֶענֶען בַּאוַוייזְן אַרָאפְּצוּשְׁנַיידְן דֶעם בּוֹים, וֶועט בַּאקוּמֶען גָאר אַ גְרוֹיסֶע בַּאלוֹינוּנְג פוּנֶעם קֶענִיג.

עֶס זֶענֶען זִיךְ צוּזַאמֶגֶעקוּמֶען דִי גְרוֹיסֶע גִיבּוֹרִים און שְׁטַארְקֶע מֶענְטְשְׁן פוּן אִיבֶּערְ'ן גַאנְצְן לַאנְד, טֶעג און נֶעכְט הָאבְּן זֵיי גֶעאַרְבֶּעט און פְּרוּבִּירְט אַרָאפְּצוּשְׁנַיידְן דֶעם בּוֹים, עֶס אִיז זֵיי אָבֶּער נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען, דֶער בּוֹים אִיז גֶעוֶוען צוּ גְרוֹיס און דִיק אַז אֲפִילוּ דִי גְרֶעסְטֶע גִיבּוֹרִים הָאבְּן עֶס נִישְׁט גֶעקֶענְט בַּייקוּמֶען.

נָאכְ'ן אַרְבֶּעטְן טֶעג און וָואכְן אוֹיפְ'ן בּוֹים אָן קַיין שׁוּם עֶרְפָאלְג, הָאבְּן זֵיי אַלֶע גֶעהוֹיבְּן הֶענְט, און גֶעזָאגְט פַארְ'ן קֶענִיג אַז דֶער בּוֹים קֶען נִישְׁט אַרָאפְּשְׁנַיידְן. און דַאן אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַ אִינְגֶער בָּחוּר'ל און גֶעזָאגְט אַז עֶר נֶעמְט זִיךְ אוּנְטֶער אַרָאפְּצוּשְׁנַיידְן דֶעם בּוֹים...

אַלֶע הָאבְּן גֶעלַאכְט פוּן אִים און גֶעפְרֶעגְט מִיט וואוּנְדֶער: "אוֹיבּ דִי גְרוֹיסֶע פֶּעסְט-גֶעבּוֹיעֶטֶע גִיבּוֹרִים הָאבְּן דָאס נִישְׁט גֶעקֶענְט בַּאוַוייזְן, ווִי אַזוֹי וֶועסְטוּ, אַ אִינְגֶער שְׁוַואכֶער בָּחוּר'ל, עֶס קֶענֶען דוּרְכְפִירְן?"

דֶער בָּחוּר הָאט זִיךְ אָבֶּער נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן, עֶר הָאט גֶענוּמֶען אַ הַאמֶער, און מִיט עֶטְלִיכֶע קְלֶעפּ אוֹיפְ'ן בּוֹים, הָאט זִיךְ דֶער בּוֹים אוּנְטֶער גֶעבְרָאכְן און אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן...

דֶער קֶענִיג מִיט דִי גְרוֹיסֶע גִיבּוֹרִים הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר גֶעוואוּנְדֶערְט ווִי אַזוֹי דֶער בָּחוּר הָאט גֶעקֶענְט בַּאוַוייזְן אַזַא שְׁטַארְקֶע גְבוּרָה. דֶער בָּחוּר הָאט זֵיי אָבֶּער מַסְבִּיר גֶעוֶוען אַז עֶס אִיז זֵייעֶר פָּשׁוּט. "אִיךְ הָאבּ בַּאמֶערְקְט אַז אִין דִי טֶעג און וָואכְן וָואס דִי גִיבּוֹרִים הָאבְּן גֶעאַרְבֶּעט אוֹיפְ'ן בּוֹים, אִיז שׁוֹין דֶער בּוֹים זֵייעֶר אָפְּגֶעשְׁוַואכְט גֶעוָוארְן, און יֶעצְט, נָאךְ אַזוֹיפִיל הַאקְן, קֶען מֶען עֶס גְרִינְג אַרָאפְּנֶעמֶען מִיט עֶטְלִיכֶע שְׁטַארְקֶע קְלֶעפּ מִיט אַ הַאמֶער, נָאר דִי גִיבּוֹרִים הָאבְּן פָּשׁוּט גֶעהוֹיבְּן הֶענְט און אוֹיפְגֶעגֶעבְּן, און דֶערִיבֶּער הָאבּ אִיךְ גֶעקְלֶערְט אַז אִיךְ וֶועל טוּן מַיינְ'ס, און אֶפְשָׁר וֶועל אִיךְ קֶענֶען עֶנְדִיגְן דִי אַרְבֶּעט וָואס זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן. און דֶערִיבֶּער הָאט אִיךְ טַאקֶע מַצְלִיחַ גֶעוֶוען".

"דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיט דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער אִין גָלוּת" - הָאט דֶער שָׂרָף פוּן סְטְרֶעלִיסְק מַסְבִּיר גֶעוֶוען פַארְ'ן פָּרִיץ - "מִיט יֶעדֶע גוּטֶע זַאךְ וָואס אַ אִיד טוּט, גֶעבְּט עֶר נָאךְ אַ הַאק אוֹיפְ'ן בּוֹים. דִי גִיבּוֹרִים - דִי גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים - גֶעבְּן זֵייעֶר שְׁטַארְקֶע קְלֶעפּ אוֹיפְ'ן בּוֹים, אָבֶּער אַזוֹי ווִי עֶס אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעקוּמֶען דִי רִיכְטִיגֶע צַייט פוּן דִי גְאוּלָה, הָאבְּן זֵיי נָאכְנִישְׁט דֶעם כֹּחַ אִינְגַאנְצְן אָפְּצוּהַאקְן דֶעם בּוֹים, זֵיי שְׁוַואכְן עֶס אָבֶּער זֵייעֶר שְׁטַארְק אָפּ. וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען דֶער לֶעצְטֶער דוֹר וֶוען מָשִׁיחַ דַארְף שׁוֹין צוּ קוּמֶען, דַאן וֶועלְן אֲפִילוּ פְּשׁוּטֶע אִידְן אוֹיךְ הָאבְּן דֶעם כֹּחַ אִים צוּ בְּרֶענְגֶען, וַוייל זֵיי קוּמֶען שׁוֹין נָאכְדֶעם וָואס דִי גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים הָאבְּן אַזוֹיפִיל אַרַיינְגֶעאַרְבֶּעט דִי אַלֶע יָארְן. זֵיי וֶועלְן נָאר זִיךְ דַארְפְן אָנְשְׁטְרֶענְגֶען און נִישְׁט הוֹיבְּן דִי הֶענְט, און מִיט דֶעם אַלֵיין וֶועלְן זֵיי בְּרֶענְגֶען דִי גְאוּלָה שְׁלֵימָה".

אַן עֶנְלִיכֶער מָשָׁל וֶוערְט אוֹיךְ גֶעבְּרֶענְגְט פוּן רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן וָואס הָאט דָאס נָאכְגֶעזָאגְט פוּן רֶבִּי נָתָן (כּוֹכְבֵי אוֹר, מַעֲשִׂיּוֹת וּמְשָׁלִים) וֶוען מֶען הָאט גֶעפְרֶעגְט פוּן רֶבִּי נָתָן ווִי אַזוֹי דָאס קֶען זַיין אַז מָשִׁיחַ הָאט נִישְׁט אוֹיסְגֶעלֵייזְט דִי אִידְן אִין דִי צַייט פוּן דִי גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים, ווִי אַזוֹי קֶען זַיין אַז מִיר וֶועלְן הַיינְט יָא זוֹכֶה זַיין דֶערְצוּ. הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט אוֹיף דֶעם אַן עֶנְלִיכֶער מָשָׁל צוּ אַ שְׁוֶוערֶע לַאנְד וָואס אִיז גֶעוֶוען גָאר שְׁטַארְק בַּאפֶעסְטִיגְט, און ווִיפִיל שְׁטַארְקֶע סָאלְדַאטְן מֶען הָאט נָאר גֶעבְּרֶענְגְט זֵיי אַייַנְצוּנֶעמֶען, זֶענֶען זֵיי אַלֶע צוּפַאלְן. בִּיז עֶס זֶענֶען גֶעקוּמֶען אַ גְרוּפֶּע פוּן אַלְטֶע און שְׁוַואכֶע לַייט מִיט פְרוֹיעֶן און קִינְדֶער, און זֵיי הָאבְּן עֶס יָא אַייַנְגֶענוּמֶען. וַוייל נָאכְדֶעם וָואס דִי שְׁטַארְקֶע סָאלְדַאטְן הָאבְּן שׁוֹין אַזוֹי סַאךְ אָפְּגֶעשְׁוַואכְט דֶעם מוֹיעֶר, אַז מִיט אַבִּיסְל אָנְשְׁטְרֶענְגוּנְג הָאבְּן עֶס שׁוֹין דִי שְׁוַואכֶע מֶענְטְשְׁן אוֹיךְ גֶעקֶענְט בַּאזִיגְן.

דֶערִיבֶּער דַארְפְן מִיר ווִיסְן אַז הַיינְטִיגֶע צַייטְן אִיז פִיל גְרִינְגֶער צוּ וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן און אַייַנְנֶעמֶען און בַּאזִיגְן דֶעם יֵצֶר הָרַע, וַוייל דִי גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים הָאבְּן שׁוֹין גֶעאַרְבֶּעט פַאר אוּנְז זֵייעֶר אַסַאךְ.

דָאס אִיז אוֹיךְ אַ חִיזּוּק פַאר יֶעדְן מֶענְטְשׁ, אַז אֲפִילוּ וֶוען עֶר זֶעט אַז עֶר הָאט שׁוֹין אַזוֹיפִיל גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן און עֶר הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעזֶען קַיין יְשׁוּעָה, עֶר הָאט שׁוֹין אַזוֹיפִיל פְּרוּבִּירְט, גֶעאַרְבֶּעט און גֶעבֶּעטְן אַז עֶר זָאל אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מִדּוֹת און עֶר הָאט זִיךְ נָאכְנִישְׁט גֶעריִרְט, דַארְף עֶר אָבֶּער ווִיסְן דֶעם אֱמֶת אַז דִי אַרְבֶּעט אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אוּמְזִיסְט, עֶס הָאט זִיכֶער זֵייעֶר שְׁטַארְק דֶערְנֶענְטֶערְט דִי יְשׁוּעָה, און אוֹיבּ וֶועט עֶר הָאבְּן דֶעם שֵׂכֶל נִישְׁט אוֹיפְצוּגֶעבְּן נָאר וַוייטֶער אָנְהַאלְטְן מִיטְ'ן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז זַיין יְשׁוּעָה שׁוֹין זֵייעֶר נָאנְט, און עֶר וֶועט זִיכֶער קֶענֶען דוּרְכְבְּרֶעכְן דֶעם מוֹיעֶר און אַרָאפְּבְּרֶענְגֶען דֶעם בּוֹים, אֲפִילוּ עֶס זֶעט אוֹיס ווִי עֶס הָאט זִיךְ דֶערְוַוייל נָאכְנִישְׁט גֶעריִרְט פוּן אָרְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ט"ז עֶרֶךְ גִלּוּי אֵלִיָּהוּ, גִּבּוֹר, רְפוּאָה)

# לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (קכד)

**תסז**

רֶבִּי נָתָן פְלֶעגְט קוּמֶען יֶעדְן טָאג צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אַסַאךְ גֶערֶעדְט מִיט אִים, אוּן אַסַאךְ מָאל אִיז אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען מִיט רֶבִּי נָתָן אוֹיף אַ שְׁפַּאצִיר אִין דִי פֶעלְדֶער אוּן בֶּערְג אַרוּם מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע, עֶר הָאט אַסַאךְ גֶערֶעדְט מִיט אִים וֶועגְן תְּפִלָּה אוּן הִתְבּוֹדְדוּת, עֶר הָאט אִים זֵייעֶר מְחַזֵּק גֶעוֶוען עֶר זָאל אַסַאךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם אַנְדֶערֶע תַּכְלִית אוֹיף דֶער וֶועלְט נָאר צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ רֶעדְן צוּ אִים.

אֵיינְמָאל, גֵייעֶנְדִיג צְוִוישְׁן דִי פֶעלְדֶער אוּן בֶּערְג הָאט דֶער רֶבִּי גֶעוִויזְן מִיט זַיין הֵיילִיג הַאנְט פַאר רֶבִּי נָתָן אוּן אִים גֶעזָאגְט, "דוּ זֶעסְט? אוֹיף דִי אַלֶע בֶּערְג אוּן פֶעלְדֶער אַרוּם דִי שְׁטָאט, בִּין אִיךְ אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל", דָאס הֵייסְט אַז עֶר אִיז אַסַאךְ אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען דָארְטְן צוּ מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט פַארְבְּרֶענְגְט דָארְט גַאנְצֶע טֶעג מִיט תְּפִלָּה אוּן הִתְבּוֹדְדוּת.

עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט פַאר רֶבִּי נָתָן אַז אוֹיף אֵיינֶע פוּן דִי אָרְטִיגֶע בֶּערְג אִיז פַארְהַאן גָאר אַ הוֹיכֶע פְלַאץ, אוּן בַּיים שְׁפִּיץ אִיז עֶס אַבִּיסְל טִיפֶער אַרַיין, אַזוֹי וִוי אַ טָאל, אוּן עֶר פְלֶעגְט דָארְט אַסַאךְ אַהִינְגֵיין, עֶר הָאט לִיבּ גֶעהַאט צוּ נוּצְן יֶענֶעם פְּלַאץ פַאר הִתְבּוֹדְדוּת.

**תסח**

אִין יֶענֶע צַייט הָאט פַּאסִירְט דִי מַעֲשֶׂה מִיטְ'ן קִינְד פוּן ר' מֵאִיר, אֵיינֶער פוּנֶעם רֶבִּינְ'ס מֶענְטְשְׁן.

מַעֲשֶׂה שֶׁהָיָה כַּךְ הָיָה: אִין מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע הָאט גֶעוואוֹינְט אַ אִיד אַן עוֹשֶׁר מִיטְ'ן נָאמֶען ר' מֵאִיר, עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר רַייךְ, בַּיי אִים אִינְדֶערְהֵיים פְלֶעגְט מֶען אִין זִילְבֶּערְנֶע כֵּלִים אוּן זִיךְ גֶעוַואשְׁן אִין גָאלְדֶענֶע כֵּלִים, זֵיי הָאבְן אָבֶּער נִישְׁט גֶעהַאט קַיין קִינְדֶער.

אֵיינְמָאל אִיז זַיין וַוייבּ גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וֶוען עֶר הָאט נָאךְ גֶעוואוֹינְט אִין מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע, אוּן זִיךְ זֵייעֶר גֶעבֶּעטְן אוּן גֶעוֵויינְט אַז זִי וִויל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער.

דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אַרוּמְגֶעדְרֵייט אִין שְׁטוּבּ פוּן אֵיין וַואנְט צוּם צְוֵוייטְן, זַיין פָּנִים הָאט גֶעבְּרֶענְט מַמָּשׁ וִוי אַ פֵייעֶר, אוּן זִי הָאט שׁוֹין חֲרָטָה גֶעהַאט אַז זִי הָאט אַזוֹי שְׁטַארְק מַטְרִיחַ גֶעוֶוען דֶעם רֶבִּי'ן. דֶערְנָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי אִיר גֶעזָאגְט אַז זִי וֶועט זוֹכֶה צוּ אַ זוּן, אָבֶּער זֵיי וֶועלְן מוּזְן פַארְלִירְן דָאס עֲשִׁירוּת, זֵיי וֶועלְן וֶוערְן אַזוֹי אָרֶעם אַז זֵיי וֶועלְן נָאר הָאבְן אֵיין טַלִּית קָטָן פַארְ'ן קִינְד, אוּן וֶוען מְ'וֶועט עֶס דַארְפְן אוֹיסְוַואשְׁן, וֶועט מֶען נִישְׁט הָאבְן קַיין אַנְדֶערֶע אָנְצוּטוּן דֶערְוַוייל, נָאר מְ'וֶועט דַארְפְן וַוארְטְן בִּיז עֶס וֶועט זִיךְ אוֹיסְטְרוּקֶענֶען. אוּן זִי הָאט מַסְכִּים גֶעוֶוען דֶערְצוּ. דֶער רֶבִּי הָאט אִיר אָבֶּער גֶעזָאגְט אַז זִי דַארְף קוֹדֶם אַהֵיימְגֵיין פְרֶעגְן אִיר מַאן אוֹיבּ עֶר אִיז אוֹיךְ מַסְכִּים.

זִי הָאט טַאקֶע גֶעפְרֶעגְט אִיר מַאן, אוּן עֶר הָאט אוֹיךְ מַסְכִּים גֶעוֶוען, אוּן זֵיי הָאבְן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ גֶעבּוֹירְן אַ אִינְגְל.

דֶערְוַוייל אִיז אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען אַסַאךְ יָארְן, דֶער רֶבִּי אִיז אִינְצְוִוישְׁן גֶעפָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, עֶר הָאט גֶעוואוֹינְט אַ שְׁטִיק צַייט אִין זְלַאטִיפָּאלִי, אוּן יֶעצְט הָאט עֶר גֶעוואוֹינְט אִין שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב, וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט.

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט יֶעצְט זִיךְ אוֹיפְגֶעהַאלְטְן אִין מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע לְכָבוֹד דִי חֲתוּנָּה, אִיז עֶר נִישְׁט אַרַיין צוּ זֵיי אִינְדֶערְהֵיים. נָאר אֵיינְמָאל אִיז דֶער רֶבִּי גֶעוֶוען אִין שׁוּל אוּן עֶר הָאט גֶעזֶען דָארְט דֶעם אִינְגְל פוּן ר' מֵאִיר, עֶר הָאט אִים פַארְהֶערְט דָאס לֶערְנֶען, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעקְרֶעכְצְט אוּן זִיךְ אָנְגֶערוּפְן, "אוֹי, אַ גְרוֹיסֶע שָׁאד".

דָאס קִינְד אִיז אַהֵיימְגֶעגַאנְגֶען אוּן דָאס אִיבֶּערְדֶערְצֵיילְט פַאר זַיין מַאמֶע, אוּן זִי הָאט גֶעהַאט גָאר גְרוֹיס צַעַר פוּן דֶעם, אוּן יֶענֶעם פַארְנַאכְטְס אִיז דָאס קִינְד נֶעבֶּעךְ נִפְטָר גֶעוָוארְן.

דִי מַאמֶע הָאט זִי פַארְשְׁלָאסְן אִין אַ צִימֶער, זִי הָאט גֶעוֵויינְט זֵייעֶר שְׁטַארְק, אוּן זִיךְ נִישְׁט גֶעוָואלְט טְרֵייסְטְן, זִי הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט רֶעדְן צוּ קֵיינֶעם.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



## ווִילְסְט אַ וַוייבּ אָדֶער ווִילְסְטוּ טְשָׁאלְנְט?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי חַיִּים טוֹבִים, אַז מֶען קֶען לֶעבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, אֲפִילוּ וֶוען מֶען דַארְף זִיךְ אַיינְבֵּייגְן דֶעם קָאפּ.

אִיךְ ווִיל דֶערְצֵיילְן פַארְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה, בִּיז מַיין חֲתוּנָּה אִיז יֶעדֶע שַׁבָּת גֶעוֶוען טְשָׁאלֶענְט, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקֶענְט טְרַאכְטְן עֶס אִיז דָא אַזַא זַאךְ אַ שַׁבָּת אָן טְשָׁאלֶענְט. אָבֶּער נָאךְ מַיין חֲתוּנָּה, נָאכְדֶעם וָואס מַיין וַוייבּ אִיז גֶעוָוארְן אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְט מִיט דִי קִינְדֶער, אוּן אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ גֶעאַרְבֶּעט שְׁוֶוער, אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט אַ רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס זָאל מִיר לֶערְנֶען וִוי אַזוֹי אִיר צוּ מַאכְן גוּט שְׁפִּירְן, אִיז מַיין וַוייבּ גֶעוָוארְן זֵייעֶר שְׁוַואךְ אוּן אָנְגֶעשְׁטְרֶענְגְט אוּן דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ אִיז גֶעוָוארְן אוֹיס, אוּן יֶעדֶע שַׁבָּת וָואס מַיין וַוייבּ הָאט נִישְׁט גֶעמַאכְט קַיין טְשָׁאלֶענְט בִּין אִיךְ גֶעוָוארְן אוֹיס מֶענְטְשׁ.

בִּיז אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה אִין אוּמַאן עֶטְלִיכֶע יָאר צוּרִיק, אִיךְ הָאבּ דַאן דֶערְצֵיילְט פַארְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אִין שְׁטוּבּ, אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט פַארְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה אַז מַיין וַוייבּ מַאכְט אֲפִילוּ נִישְׁט קַיין טְשָׁאלְנְט, הָאט מִיר דִי רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעפְרֶעגְט: "דוּ דַארְפְסְט אַ וַוייבּ אָדֶער דוּ דַארְפְסְט טְשָׁאלְנְט?", דִי פָּאר וֶוערְטֶער הָאט מִיר אַסַאךְ גֶעטוֹישְׁט, נִישְׁט נָאר בַּיי טְשָׁאלְנְט נָאר בַּיי אַלֶעס.

פָארִיגֶע וָואךְ שַׁבָּת בַּיינַאכְט הָאבּ אִיךְ יָא גֶעהַאט חַלָּה, כְרֵיין, פִּישׁ אוּן זוּפּ, אוּן שַׁבָּת צוּפְרִי הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט חַלָּה אוּן פִּישׁ אוּן טְשָׁאלְנְט, אַסַאךְ וָואכְן הָאבּ אִיךְ נָאר חַלָּה אוּן דִיפְּס, לֶעצְטְנְס הָאט מֶען אוֹיךְ פִּישׁ יֶעדֶע שַׁבָּת. בִּזְכוּת דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה קוּק אִיךְ נִישְׁט אוֹיף וָואס מֶען הָאט נִישְׁט, נָאר אִיךְ בִּין זֵייעֶר זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ מִיט וָואס עֶס אִיז יָא דָא.

הַיינְט הָאבּ אִיךְ זִיךְ אוֹיךְ מְחַזֵּק גֶעוֶוען מִיט דֶעם וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט גֶעזָאגְט, עֶס אִיז טַאקֶע אַסַאךְ מָאל זֵייעֶר שְׁוֶוער מִיט דִי וַוייבּ אָבֶּער עֶס אִיז אַסַאךְ שְׁוֶוערֶער אָן אִיר.

**אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ אַז אִיךְ אָטֶעם נָאךְ.**

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

מוֹצָאֵי שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ט' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז דוּ קוּקְסְט אוֹיפְ'ן לֶעבְּן מִיט אַ גוּטֶע בְּלִיק, דוּ לֵייגְסְט דָאס לֶעבְּן אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז.

מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט, אַ אִיד אִיז גֶעקוּמֶען צוּ רֶבִּי נָתָן זָאגְן אַז עֶר ווִיל זִיךְ גֶטְ'ן, עֶר קֶען מֶער נִישְׁט אוֹיסְהַאלְטְן, עֶר זָאגְט אִים: "אִיךְ אַרְבֶּעט אַזוֹי שְׁוֶוער אַ גַאנְצְן טָאג, אִיךְ עֶרְוַוארְט אַז מַיין וַוייבּ זָאל מִיךְ אָפְּוַוארְטְן מִיט אַ גוּטֶע מָאלְצַייט, מִיט אַ מְסוּדָר'דִיגֶע שְׁטוּבּ, אִיךְ ווִיל זִיךְ אַבִּיסְל אָפְּרוּעֶן; אָבֶּער וֶוען אִיךְ קוּם אַהֵיים אִיז דִי שְׁטוּבּ אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט, דִי מִיסְט לִיגְט אִינְמִיטְן שְׁטוּבּ, נִישְׁטָא קַיין עֶסְן, וְעַל כּוּלָּם שְׁרֵייט זִי אוֹיף מִיר, זִי לָאזְט נִישְׁט אָטֶעמֶען", עֶר זָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן: "גֶענוּג אִיז גֶענוּג, אִיךְ גֵיי זִיךְ גֶטְ'ן פוּן אִיר, אִיךְ ווִיל מֶער נִישְׁט לַיידְן!" זָאגְט אִים רֶבִּי נָתָן: "אִיךְ זָאג דִיר אַנְדֶערְשׁ, אִיךְ זָאג דִיר 'גֶטְ'ן אִיז נִישְׁט דִי עֵצָה', עֶס וֶועט דִיר זַיין נָאךְ אַסַאךְ עֶרְגֶער אָן אַ וַוייבּ, אִיךְ הָאבּ פַאר דִיר אַ בֶּעסֶערֶע עֵצָה", רֶבִּי נָתָן רֶעדְט צוּ אִים וֵוייכֶע וֶוערְטֶער, עֶר זָאגְט אִים: "וֶוער זָאגְט דִיר זָאלְסְט אוֹיסְטְרַאכְטְן אַז דַיין וַוייבּ וַוארְט דִיר אָפּ מִיט וַוארֶעמֶע עֶסְן אוּן אַ צַאמְגֶענוּמֶענֶע שְׁטוּבּ וְכוּ' וְכוּ', אוּן וֶוען דוּ קוּמְסְט אַהֵיים אוּן עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין עֶסְן אוּן דִי שְׁטוּבּ אִיז נִישְׁט צַאמְגֶענוּמֶען - וֶוערְסְטוּ אַנְטוֹישְׁט, דוּ וֶוערְסְט בְּרוֹגֶז; עֶנְדֶערְשׁ זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיסְטְרַאכְטְן אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אִין שְׁטוּבּ, עֶס אִיז אַ חוּרְבָּן אִין שְׁטוּבּ, אוּן וֶוען דוּ וֶועסְט אַהֵיים קוּמֶען אוּן דוּ וֶועסְט זֶען אַז עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי ווִי דוּ הָאסְט זִיךְ אוֹיסְגֶעמָאלְן - וֶועסְטוּ וֶוערְן פְרֵיילִיךְ"; אוּן אַזוֹי הָאט רֶבִּי נָתָן אָפְּגֶעהַאלְטְן דֶעם אִיד פוּן צֶעבְּרֶעכְן זַיין מִשְׁפָּחָה.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף דִי גֶעזוּנְט פוּן דַיין וַוייבּ. אַז מֶען אִיז מְזַלְזֵל אִין אַ וַוייבּ קֶען זִי פַארְלִירְן אִיר מֹחַ, דִי נֶערְוֶועוְן קֶענֶען זִיךְ צֶערַייסְן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ; מֶען

<<<<<<

BreslevCenter.com\answers

>>>>>>

מוּז אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף אִיר, בִּפְרַט בְּרֶסְלֶב׳עֶר חֲסִידִים וָואס בַּיים רֶבִּי׳ן אִיז גֶעוֶוען שָׁלוֹם בַּיִת זֵייעֶר אַ וִויכְטִיגֶע זַאךְ - דַארְפְן מֶער אַכְטוּנְג גֶעבְּן. וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רסג): "זֶה מַעֲשֶׂה בַּעַל דָּבָר, שֶׁמַּנִּיחַ אֶת עַצְמוֹ עַל זֶה מְאֹד, לְקַלְקֵל הַשָּׁלוֹם שֶׁל בְּנֵי הַנְּעוּרִים, כְּדֵי שֶׁיִּתָּפְסוּ בִּמְצוּדָתוֹ חַס וְשָׁלוֹם עַל יְדֵי זֶה", דֶער יֵצֶר הָרָע זוּכְט צוּ מַאכְן אַ קְרִיגֶערַיי צְוִוישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ, עֶר וִויל נָאר מֶען זָאל זִיךְ צֶעטֵיילְן, וַוייל אַזוֹי קֶען עֶר גְרִינְגֶער אַרָאפְּוַוארְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ אִין עֲבֵירוֹת, "כִּי הוּא אוֹרֵב עַל זֶה מְאֹד - לְתָפְסָם בִּנְעוּרֵיהֶם עַל יְדֵי קִלְקוּל הַשְּׁלוֹם בַּיִת חַס וְשָׁלוֹם, שֶׁגּוֹרֵם בְּעַרְמוּמִיּוּתוֹ לְקַלְקֵל הַשָּׁלוֹם שֶׁבֵּינֵיהֶם", דֶער יֵצֶר הָרָע לָאקֶערְט אוֹיף יוּנְגֶע פָּארְפֶעלְקֶער זֵיי צוּ צֶעטֵיילְן, אַזוֹי וַוארְפְט עֶר זֵיי אַרָאפּ אִין שְׁמוּצִיגֶע עֲבֵירוֹת.

מַאךְ פְרֵיילִיךְ דַיין וַוייבּ, עֶס אִיז דִי מִצְוָה פוּנֶעם מַאן פְרֵיילִיךְ צוּ מַאכְן אִין שְׁטוּבּ. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (רֹאשׁ הַשָּׁנָה ו:): "אִשָּׁה בַּעְלָהּ מְשַׂמְּחָהּ", דֶער מַאן הָאט אַ מִצְוָה פְרֵיילִיךְ צוּ מַאכְן אִין שְׁטוּבּ; זָאלְסְט אִיר הַאלְטְן טֵייעֶר, זָאלְסְט רֶעדְן צוּ אִיר שֵׁיין.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בָּבָא מְצִיעָא נט.): "לְעוֹלָם יְהֵא אָדָם זָהִיר בִּכְבוֹד אִשְׁתּוֹ", מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ, "שֶׁאֵין בְּרָכָה מְצוּיָה בְּתוֹךְ בֵּיתוֹ שֶׁל אָדָם אֶלָּא בִּשְׁבִיל אִשְׁתּוֹ", וַוייל דִי בְּרָכָה אִין שְׁטוּבּ אִיז אִין אִיר זְכוּת, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית יב, טז): "וּלְאַבְרָם הֵיטִיב בַּעֲבוּרָהּ", "וְהַיְנוּ דְּאָמַר לְהוּ רָבָא לִבְנֵי מְחוֹזָא", אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער אַמוֹרָא רָבָא פְלֶעגְט זָאגְן פַאר דִי מֶענְטְשְׁן פוּן דִי שְׁטָאט מְחוּזָא: "אוֹקִירוּ לִנְשַׁיְיכוּ", זַייט מְכַבֵּד עֶנְקֶערֶע וַוייבֶּער, "כִּי הֵיכִי דְּתִתְעַתְּרוּ", אַזוֹי וֶועט אִיר רַייךְ וֶוערְן; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳, סִימָן סט): "עִיקַּר הָעֲשִׁירוּת בָּאָה בִּזְכוּת הָאִשָּׁה", דִי עֲשִׁירוּת קוּמְט בִּזְכוּת דִי וַוייבּ.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיֵּצֵא תשפ"ב)

## זייט מתפלל!

פאר ר׳ **יצחק בן פייגלא**

**פאר א גאנצע און שנעלע רפואה בקרוב**

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

# "ורפא ירפא" עמערזשענסי קאמפיין

## לרפואת יצחק בן פיגלא

אין די יעצטיגע טעג ווערן אידן אנגעווארעמט צו א גאר קריטישע עמערזשענסי קאמפיין אונטערן נאמען "ורפא ירפא", מיט׳ן ציל צו שאפן געלט צו קענען ראטעווען דאס לעבן פון אונזער טייערער חבר ר׳ יצחק בן פיגלא לרפואה שלמה במהרה.

אונזער טייערער באליבטער חבר ר׳ יצחק איז ליידער אנגעשטעקט געווארן מיט די ווירוס אויף גאר א שווערע פארנעם מיט צוויי חדשים צוריק, פון וואס זיינע לונגען זענען זייער שטארק אינפעקטירט געווארן, און ער איז יעצט צוגעבינדן צו אן עקמא מאשין צו קענען אטעמען.

די משפחה און עסקנים האבן שוין אריין געלייגט איבערמידליכע כוחות און טוען ווייטער אלעס וואס מעגליך אים צו היילן, אבער פארשטייט זיך אז דאס שלעפט אריין אין ריזיגע געלטער ביז עס איז געקומען צו א מצב וואס מען האט זיך שוין אריינגעלייגט אין שווערע חובות און מען זעט זיך נאך ווייטער מיט גאר גרויסע הוצאות וואס מען דארף באצאלן צו קענען אריינברענגען די ריכטיגע גרויסע ספעציעליסטן צו קענען מיט׳ן אייבערשטנ׳ס הילף ברענגען צו זיין גאנצע רפואה ווי אמשנעלסטן. עס מוז קריטיש געשאפן ווערן די סומע פון $250,000 צו קענען ווייטער אנגיין אז מיר זאלן נישט דארפן זיך אפשטעלן חס ושלום צוליב געלט.

מיט זיין געוואלדיגע עקספערטיז האט ר׳ יצחק אזויפיל געהאלפן פילע אידישע קינדער, אויף וואס פילע פון אונז קענען מעיד זיין, ער האט אוועקגעגעבן זיין לעבן צו העלפן אנדערע אידן מיט זיין גאנצע הארץ, ער האט געראטעוועט פילע חולי ישראל, און יעצט איז די צייט אים ארויסצוהעלפן.

טייערע אידן, עפנט אייער הארץ און קעשענע און געבט א ווארעמע נדבה אין די הצלת נפשות קאמפיין, צו קענען טון אלע מעגליכקייטן צו ברענגען די ערווארטעטע ישועה און רפואה ווי שנעלער. דער "ורפא ירפא" קאמפיין לויפט די וואך, מ׳קען מנדב זיין אויפ׳ן טעלעפאן דורכ׳ן רופן 718-540-5728, אדער אויף charidy.com/vrapoi

און דער עיקר לאמיר ווייטער מתפלל זיין און בעטן דעם אייבערשטן פאר א גאנצע רפואה פאר יצחק בן פיגלא, ער זאל זיין געזונט און שטארק ברמ"ח אבריו ושס"ה גידיו, פאר לאנגע געזונטע יארן.

**רפאנו ה׳ ונרפא!**

***

# שיינע שידוך געשלאסן ביי א תלמיד הישיבה

א גרויסע שמחה הערשט אין ישיבה מיט די פרייליכע בשורה פונעם שידוך שליסן פון א חשובער תלמיד הישיבה הבה"ח משה שמואל בן מו"ה אליעזר זאב שטעסל הי"ו פון קרית יואל, וואס איז א חתן געווארן למזל טוב עב"ג בת הרה"צ מוה"ר שמעון שפירא שליט"א, א באקאנטער חשובער משפיע אין ירושלים עיה"ק.

דער חשובער חתן האט זוכה געווען אויסצונוצן זיינע יונגע יארן און אנגעפילט זיינע טעג מיט תורה ומעשים טובים, ער האט שוין זוכה געווען צו ענדיגן ש"ס, און ענדיגן מסכת תענית 101 מאל. דאס איז אויסער זיינע פילע שיעורים אין אלע חלקים פון די תורה, וואס ער לערנט פלייסיג יעדן טאג. אויסער דעם איז דער חתן אסאך עוסק אין הפצה, און איז זוכה צו פארשפרייטן דעם רבינ׳ס אור אז נאך אידן זאלן באקומען פונעם זיסן קוואל באר מים חיים פון וואס ער איז זוכה צו טרונקען. און אזוי ווי מוהרא"ש האט געבעטן און צוגעזאגט אז ווער עס וועט אויסזאגן גאנץ תהלים ביי זיין ציון לזכותו וועט ער פועל׳ן פאר זיי זייער שידוך. איז טאקע דער חתן געווען ביים ציון הקדוש פון מוהרא"ש אין יבנאל, וואו ער האט אויסגעזאגט גאנץ תהלים, און ווי נאך טויזנטער אידן האט ער טאקע זוכה געווען צו טרעפן זיין באשערטע שידוך זייער שנעל.

זאל דער אייבערשטער העלפן דער שידוך זאל עולה יפה זיין, זיי זאלן זוכה זיין אויפצושטעלן א בית נאמן בישראל.

**קשר של קימא ובנין עדי עד!**

***

# נאך אן אומזיסטע חתונה אין ישיבה

דעם פארגאנגענעם זונטאג אווענט איז פארגעקומען נאך א חתונה אין ישיבה, און ווי אלעמאל האט עס גארנישט געקאסט פאר די מחותנים. עס איז געגאנגען אונטער די חופה החתן מו"ה יוסף ב"ר משה פעלדמאן הי"ו, עב"ג בת מו"ה יצחק יאקאבאוויטש הי"ו. די חתונה איז געווען גאר פרייליך, די משפחה און גוטע פריינד האבן גאר שטארק הנאה געהאט און זיך מיטגעפריידט, און משמח געווען אויף גאר א שיינעם פארנעם. אין א בריוו שרייבט דער ראש ישיבה שליט"א פארגאנגענע וואך, "עס לאזט זיך נישט גלייבן, מיר האלטן שוין ביי דרייסיג חתונות, מיר האבן געשפארט פאר זעכציג מחותנים הוצאות החתונה; עס איז גענצליך בחנם, עס ברענגט נישט קיין חובות, די מחותנים קומען און גייען אהיים פרייליך און צופרידן. איינער פרעגט מיר פאריגע וואך וואס עס קאסט א חתונה אין ישיבה? זאג איך אים, עס איז גענצליך בחנם, עס קאסט נישט; עס קאסט נאר איין זאך, עס קאסט א לאַך; עס מאכט לאכן צו זען ווי מענטשן קענען לעבן, מען לאזט לעבן, מען דארף נישט דאגה׳נען א גאנץ לעבן ווי אזוי מען וועט חתונה מאכן, מען דארף נישט אוועקלייגן געלט, מען דארף נישט בארגן געלט, מען קען דערלעבן נחת פון די קינדער."

דער אייבערשטער זאל העלפן עס זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד מיט דורות ישרים ומבורכים.

**שמח תשמח רעים האהובים!**

## סימן טוב ומזל טוב

החתן מו"ה **יוסף פעלדמאן** הי"ו
**צו זיין שמחת החתונה עב"ג למזל טוב**

***

החתן מו"ה **משה שמואל שטעסל** הי"ו
**צו זיין שידוך שליסן עב"ג למזל טוב**

***

מו"ה **אברהם הערש וועבערמאן** הי"ו
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

***

מו"ה **יואל משה מייזעלס** הי"ו
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

***

מו"ה **שמחה סאלז** הי"ו
**צו די אפשערן פון זיין זון אליעזר שלמה נ"י למז"ט**


## מ׳גרייט זיך אויף חנוכה

**גרייט זיך אויף חנוכה מיט א הערליכע רייכע אויסוואל פון שיעורים, דרשות, מעשיות פאר קינדער, און נאך**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 1, 9, 4**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי"ס, USB׳ס, SD׳ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**

< BreslevCenter.com >